Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT פרייז 15 גראשען (ציהונג פון דער מלוכה־לאטעריע — זעה זייט 9) היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 13 | Łódź, Wtorek, 15 Stycznia 1935 r. | דרייצענטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, יא שבט תרצ״ה | № 13

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — 224-71 אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל.

# היינט אכט א זייגער פריה
## וועלן פערעפענטליכט ווערן די אפיציעלע רעזולטאטען פון פלעביסציט
# דער דייטשער זיג איז אויסער יעדען ספק
## די נאציס האבען אנגעווענדעט טעראר און שיקאנעס לגבי די שטימענדע

פאריז, 14. (ספ. טעל.).
פון סאארבריקען מעלדעט מען, 5 פארטאגס האט זיך פארענדיגט דער טראנספארט פון די וואהל־אורנעס קיין וואַרשבורג. 5 א זייגער פארנאכט האט מען אנגעהויבען צו צעהלען די שטימען.

בערלין, 14. (ספ. טעל.).
דאס דייטשע אינפארמאציע־ביורא מעלדעט, אז היינט דינסטאג, 8 א זייגער אין דער פריה באַ־דעם וועט מ'וועט פערעפענטליכט ווערען דער רעזולטאט פון פלעביסציט, וועט דער נאציאנאלער פערטרעטער אין סאאר־געביט בירקעל האלטען א רעדע, אין וועלכער ער וועט מיטטיילען היטלער'ן און דעם גאנ־צען דייטשען פאלק דעם רעזולטאט פון פלעביסציט.

## פאריז זעהט פאר א זיג פון די דייטשע

פאריז, 14. (ספ. טעל.).
אלע פאריזער צייטונגען זאגען ארויס די מיי־נונג, אז בים פלעביסציט האט זיך א זעהר גרויסע מעהרהייט ארויסגעזאגט פאר'ן צוריקקעהר פון סאאר געביט צו דייטשלאנד.

## די דייטשע טריומפירען

בערלין, 14. (ספ. טעל.).
די פאליטישע קרייזען האלטען, אז 80 פראַ־צענט שטימען זענען געפאלען בים פלעביסציט פאר דייטשלאנד. היטלער וועט מארגען אויפנעהמען דעם אויסערן־מיניסטער נויראט, מיט וועלכען ער וועט ארומרעדען די ווייטערדיגע דייטשע אויסערן־פאלי־טיק אין צוזאמענהאנג מיט'ן זיג בים פלעביסציט.

## גאסען־מאניפעסטאציעס

סאארבריקען, 14. (ספ. טעל.).
פאר'ן בנין וואו מ'צעהלט די שטימען פער־זאמלט זיך אנ־אויסגעהויערער עולם, דער המון זינגט דייטשע נאציאנאלע לידער און אויך דאס „הארסט וועסעל־ליד".

## אויך די קאמוניסטען מאניפעסטירען

סאארבריקען, 14. (ספ. טעל.).
נעכטען 9 א זייגער אין אווענד האבען די קאַ־מוניסטען אינגעארדענט א גרויסע גאסען־מאניפעס־טאציע, זיי האבען ארומגעמארשירט די גאסען און גע־זונגען דעם אינטערנאציאנאל. די מאניפעסטאציע איז אדורך פולשטענדיג רוהיג.

## 40 טויזענד מענשען וועלען פערלאזען דאס סאאר־געביט

פאריז, 14. (ספ. טעל.).
די פראנצויזישע צייטונגען בערעכענען, אז 40 טויזענד פערזאן וועלען פערלאזען דאס סאאר־געביט. דער פראנצויזישער קאנסולאט איז בעלא־גערט מיט מענשען וועלכע בעטען וויזעס קיין פראנק־רייך.

האאג, 14. (ספ. טעל.).
די האלענדישע רעגירונג האט בעשלאסען צו געבען די עמיגראנטען פון סאאר איינרייזע ערלויב־נישען קיין האלאנד.

סאארבריקען, 14. (ספ. טעל.).
דער אנפיהרער פון אינהייטס־פראנט מאקס בראון איז באלד נאך דער אפשטימונג אנטלאפען פון סאאר־געביט.

## די נאציס האבען אנגעווענדעט טעראר

פאריז, 14. (ספ. טעל.).
די נאציס האבען אנגעווענדעט א שרעקליכען טעראר בעת'ן פלעביסציט, ס'איז מעגליך, אז דער „אינהייטס־פראנט" וועט אנגעבען א פראטעסט צו דער פעלקער־ליגע צוליב דער האלטונג פון דער פלעביסציט־קאמיסיע און וועט פערלאנגען א ניי'ע אפשטימונג.

## די פלעביסציט־קאמיסיע ענדיגט די ארבייט

פאריז, 14. (ספ. טעל.).
די פלעביסציט־קאמיסיע וועט פערענדיגען איהר ארבייט היינט 7 אין אווענד און דאן וועט זי מיט א ספעציעלען צוג אפפאהרען צוזאמען מיט'ן גאנצען מאטעריאל קיין גענף, דער אפיציעלער רע־זולטאט וועט איבערגעגעבען ווערען היינט 8 אין דער פריה דורך אלע ראדיא־סטאציעס אין דער וועלט.

## די דייטשען בעקומען אכציג פראצענט שטימען

פאריז, 14. (ספ. טעל.).
לויט אינפארמאציעס פון אפיציעלע פראנצוי־זישע קרייזען האבען די דייטשען בים פלעביסציט בעקומען 80 פראצענט שטימען.

## די פראנצויזישע גרעניץ איז נישט געשלאסען

פאריז, 14. (ספ. טעל.).
אין די פראנצויזישע אפיציעלע קרייזען לייק־לוקנט מען קאטעגאריש, אז די פראנצויזישע גרעניץ בים סאאר־געביט זאל געשלאסען ווערען.

## איטאליען לאדענט איין דעם פעלקער־ליגע־ראט קיין רוים

פאריז, 14. (ספ. טעל.).
פון רוים מעלדעט מען, אז די איטאליענישע רעגירונג וועט זיך ווענדען צום פעלקער־ליגע־ראט אז די באהענטסטע סעסיע פון ראט זאל פארקומען אין רוים.

## מיניסטער בעק איז קראנק געווארען אין גענף

גענף, 14. (ספ. טעל.).
דער מיניסטער בעק, וועלכער איז שוין געווען פערקיהלט אין ווארשע, איז אין גענף קראנק גע־ווארען, די טעמפעראטור איז 38. דער דאקטאר האט ערקלערט, אז דער מיניסטער איז קראנק אויף בראנכיט און ער מוז בלייבען אין שטוב.

## נייע פארלאמענט־וואהלען אין ענגלאנד
### וועלען פארקומען נאך אין היינטיגען יאהר

לאנדאן, 14. (ספ. טעל.).
אין די פאליטישע קרייזען האט זיך פער־שפרייט א קלאנג, אז די וואהלען צום פארלאמענט וועלען פארקומען אין הערבסט היינטיגעס יאהר. די איצטיגע רעגירונג האלט, אז די פערבעסערטע ווירטשאפטליכע לאגע און די ערפאלגען אין דער אויסלענדישער פאליטיק האבען אזויפיל פער־שטארקט איהר פאזיציע, אז די נייע וואהלען וועלען ברענגען א זיג פון דער איצטיגער קאאליציע.

Dnia 14-go Stycznia r. b. zmarł po krótkich cierpieniach współpracownik nasz
**ś. p.**
# STANISŁAW WALAWSKI
**b. Pułkownik Dyplomowany Wojsk Polskich w stanie spoczynku.**
W Zmarłym tracimy oddanego i sumiennego pracownika.
Cześć Jego pamięci!
**WIDZEWSKA MANUFAKTURA Sp. Akc.**
127

W pierwszą bolesną rocznicę śmierci naszego nieodżałowanego kolegi B. P.
# Dawida Zelcera
STUD. MED.
składają Matce i Rodzeństwu Jego wyrazy najgłębszego współczucia.
**KOLEDZY z LUBLANY**
Pamięć o Nim zawsze wśród nas pozostanie!

נאך לאנגע שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 79 יאהר אונזער טייערער און אויג־פערגעסליכער פאטער, שוויגערפאטער, גרויספאטער, אורגרויספאטער, שוואגער און אנקעל
ג. ע. וואלף זעליג ב״ר ישעי׳ ז״ל
# ראזענבלום
די לוי׳ קומט פאר היינט דינסטאג, י״א שבט פ׳ בשלח (15. יאנואר 1935), 1.30 בייטאג פון טרויער־הויז, שרודמיעסקא 23, ווענען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער
5789 די טיעפטרויערנדע הינטערבליבענע

נ. ע.
אחרי מחלה כבדה נאסף אל עמיו האיש החסיד הישר באדם משלשת היוחסין
# ר׳ נפתלי הירץ ברבי דוב פאבריקאנט ז״ל
חתן הרב ר׳ שמחה סלוצקי זצ״ל
בשנת השבעים ושלש לחייו.
הלויתו תהי׳ היום ביום ג׳, י״א שבט תרצ״ה בשעה 12 בצהרים מבית־החולים לפוזננסקי.
השרויים באבל כבד
אשתו, בניו, בנותיו, אחיו, חתניו, כלותיו ונכדיו.
119

